

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
רבי **אביגדור מיללער** זצ"ל

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

תרומה
-נבור
תשפ"א לפ"ק
גליון קנ"ב

## פראגע

### וואס איז געווען דער פארברעכן פון עמלק אז מיר דארפן עס אייביג געדענקען?

## ענטפער:

עמלק האט געטון די ערגסטע פון אלע פארברעכן – עס איז געווען **די חטא פון מבטל זיין יראת שמים!** אין יענע צייט, "בצאת ישראל ממצרים... היתה יהודה לקדשו ישראל ממשלותיו. היום ראה וינוס, הירדן יסוב לאחור." אלע פעלקער האבן עס געזען. "אז נבהלו אלופי אדום אילי מואב יאחזמו רעד" – יעדער האט מורא געהאט ווען זיי האבן געהערט וואס האט פאסירט ביי יציאת מצרים; אן אויסטערלישע גייסט פון יראת ה' האט אראפגענידערט אויף דער וועלט און יעדער איז פארפרוירן געווארן; קיינער האט זיך נישט גערירט צו טון עפעס קעגן דעם עם ישראל.

פלוצלונג איז איין חצוף, איין דרייסטע פאלק, ערשינען אויף דער סצענע. "אשר קרך בדרך" – ער האט דיר אפגעקילט. פונעם לשון "קר", קאלט. ווען עמלק איז געקומען און אטאקירט די בני ישראל איז עס געווען א סיגנאל פאר אלע פעלקער – "האטס נישט מורא!"

ער האט געבראכן די פחד וואס האט ארומגענומען די וועלט אין יענע צייט. אודאי האט ער נישט באוויזן איינגאנצן מבטל צו זיין די יראת השם, ווייל מיר וויסן אז יארן שפעטער האט רחב עדות געזאגט אז דער פחד וואס האט ארומגענומען די פעלקער ביי קריעת ים סוף איז נאך אלץ דא. אבער די אקט פון חוצפה פון עמלק האט געצילט צו ווייזן "מיר גייען אטאקירן דעם עם ישראל טראץ די דעמאנסטראציעס פון דעם אויבערשטנ'ס ליבשאפט צו זיי."

האט דער אויבערשטער געזאגט, "די וועלכע קומען שעדיגן יראת שמים זענען די ערגסטע פון אונזערע פיינט." דער רמב"ם זאגט אז כפירה איז ערגער ווי עבודה זרה; ס'איז אין מאמר קידוש השם. עמלק איז נישט געקומען צו לערנען עבודה זרה; ער איז געקומען לערנען, "האטס נישט מורא פון השי"ת!" און דאס איז דאס ערגסטע פון אלעם.

און דערפאר, ווען מיר האבן א מצוה נישט צו פארגעסן עמלק, מיינט עס אז מיר דארפן האלטן אין מחשבה ווי גרויס ס'איז דער פארברעכן פון די וואס זענען מבטל יראת ה'. דאס רעכנט אריין די צייטונגען, די לצים וואס מאכן חוזק פון די תורה אין ארץ ישראל, די שרייבער וואס אטאקירן פרומע אידן און שפעטן אפ פון אידישקייט. אין אמעריקע אויך; איך געדענק דער "פארווערטס" אין אמעריקע; ס'איז געווען א אידישע צייטונג. זיי האבן אמאל געגעבן א מתנה פאר זייערע סובסקרייבערס. וואס איז געווען די מתנה? א בוך גערופן "כשר און טריפה", דורך א מענטש פייגנבוים ימ"ש. ס'איז געווען א בוך פון א איד וואס האט אפגע'חוזק'ט פון אלעס אין דער תורה. א בוך פון א איד וואס האט אפגעשפעט פון די תורה איז געגעבן געווארן אלס מתנה פאר די סובסקרייבערס פונעם פארווערטס.

אט די אלע מענטשן – דארפט איר וויסן – זענען אונטער די קללה פון עמלק. סיי-וועלכער עס קומט מבטל זיין יראת שמים איז די סאמע ערגסטע פון אונזערע שונאים, ווייל דאס איז די נומער איינס זאך: "ה' מלך תגל הארץ!" – ווען מענטשן וויסן אז דער אויבערשטער איז קעניג איז די וועלט א פרייליכע פלאץ.

וועגן דעם דארף די מאקסימאלסטע כוחות אריינגעלייגט ווערן – בעפאר סיי-וועלכע אנדערע זאך – קונה צו זיין יראת שמים. "יראת ה' ראשית דעת" – באוואסטזיניגקייט אין השי"ת איז די ערשטע פון אלע חכמות. מענטשן זאלן מכיר זיין אין השי"ת, זיי זאלן לערנען צו טראכטן וועגן דעם אויבערשטן, צו זען די חכמה פון השי"ת, די גוטסקייט פון השי"ת, און דאן, אויף אט די יסודות קען מען נאכדעם בויען דאס איבעריגע; אלע געוואלדיגע דערגרייכונגען אין מדות טובות און שמחת החיים.

(E-139#)

## פראגע

### וויאזוי קען זיך א מענטש אויסלערנען צו דאווענען מיט מער כוונה?

## ענטפער:

צוויי זאכן: ערשטנס כל מוז מען **פארשטיין וואס מען זאגט**, נישט בלויז די טייטש פון די ווערטער. מען דארף אוועקגעבן צייט צו לערנען די **משניות פון די אנשי כנסת הגדולה**. דאס איז פאקטיש וואס שמונה עשרה איז. ס'איז משנה'ס, זייער אלע משנה'ס. און מיר דארפן עס לערנען אזוי ווי מיר לערנען משניות. עס איז זייער טיף און מען דארף אוועקגעבן צייט אריינצוטראכטן וואס די ווארט מיינט, און וואס די ווארט מיינט. מען דארף אריינלייגן צייט צו פארשטיין די געדאנקען וואס ליגן אונטער יעדעס ווארט, און יעדע שטיקל.

ס'איז נישט בלויז פירוש המילות, די איבערטייטש פון די ווערטער. ס'איז די **באגריפן** וואס מען דארף מאכן אלס א טייל פון אונזער **מהלך המחשבה**. און ווען מען טוט דאס, די קומענדיגע מאל וואס מען דאווענט שמונה עשרה, וועלן די ווערטער האבן מער באדייט צו דיר.

נישט נאר שמונה עשרה. ווען מען זאגט אשרי, אדער אנדערע חלקים פון תהלים, אדער ווען מען זאגט קריאת שמע, אדער אז ישיר, אדער אנדערע חלקים פון די חומש, ס'איז זייער וויכטיג צו פארשטיין וואס מען זאגט. דאס איז נומער איינס. די ערשטע זאך איז צו האבן א טיפערע פארשטאנד אין די ווערטער פונעם סידור. אויב דיין פארשטאנד איז נאר אויבערפלעכליך, דעמאלסט וועט דיין גאנצע דאווענען זיין אויבערפלעכליך.

די צווייטע זאך איז: מען דארף זיך צוגעוואוינען זיך צו קאנצענטרירן. יעדע מאל דו דאוונסט, קלויב אויס איין קליינע שטיקל פונעם דאווענען, וואס דו וועסט זאגן לאנגזאם דעם שטיקל פאר דריי מינוט. נישט קיין חילוק ווי שנעל די מענטשן ארום דיר יאגן זיך דורך דאס דאווענען, דו מאך זיכער אוועקצוגעבן דריי מינוט פאר דעם איין קליינעם שטיקל. לאמיר זאגן, דריי מינוט פאר איין ברכה. לאז די מענטשן גאלאפירן פאראויס, אבער דו שטיי אויף איין פלאץ, און טראכט אריין אין דעם איין ברכה. טראכט וועגן די באדייט פון די ברכה, אדער דעם פסוק, און אזוי לערנסטו דיך אויס צו קאנצענטרירן.

עס הערט זיך גרינג, אבער עס וועט נישט זיין אזוי פון אנהייב. אבער אויב דו נעמסט זיך ארבעטן אויף דעם פראיעקט, וועסטו זיין א סוקסעס. נאך א ווייל וועט עס ווערן גרינגער און גרינגער צו האלטן די מח קאנצענטרירט פאר לענגערע צייט-אפשניטן.

איז נאכאמאל די צוויי מעטאדן פון תפלה בכוונה: איינס איז צו לערנען תפלה. מען דארף לערנען דאס באדייט פונעם דאווענען, כדי צו פארשטיין טיפער וואס מען זאגט. און צווייטנס, מען דארף פראקטיצירן קאנצענטראציע פאר אפאר מינוט אויף איין געדאנק, און נאך א שטיק צייט וועט מען זיך קענען קאנצענטרירן פאר לענגערע צייט-אפשניטן. (#489)

## פראגע

### וויאזוי קען א מענטש ברענגען א קרבן אלס מתנה צו השי"ת, אויב אלעס באלאנגט סיי-ווי צו אים?

## ענטפער:

ער ברענגט זיין **הארץ** אלס מתנה צו השי"ת. דאס איז וואס ער ברענגט. ווען מען ברענגט ביכורים ברענגט מען דאס הארץ צום באשעפער; ווען מען ברענגט א קרבן ברענגט מען **זיך אליינס** צו השי"ת. עס איז ווי צו זאגן: "רבונו של עולם, איך וואלט מיך אליינס געוואלט ברענגען אלס א קרבן אויפ'ן מזבח, אבער דו וואלסט עס נישט גענומען. דו האסט געזאגט פאר אברהם 'אל תשלח ידך אל הנער ואל תעש לו מאומה', דו ווילסט נישט קיין מענטשליכע קרבנות. אבער 'מה אשיב לד' כל תגמולוהי עלי'! – וויאזוי קען איך דיר באצאלן? 'האתן בכורי פשעי?' (מיכה ו,ז) – קען איך אוועקגעבן מיין ערשט-געבוירן קינד אלס כפרה פאר מיין זינד? ניין, איך קען נישט, במילא געב איך דיר א בכור פון מיינע קרבנות.

מיר זעען אז א קרבן איז זיך אליינס אוועקגעבן צום אויבערשטן. אויב מען גיבט מעשר בהמה איז עס באמת זיך אליינס אוועקגעגעבן צו השי"ת. ס'איז די הארץ וואס הקב"ה וויל פון דיר, און די הארץ קען מען געבן.

די הארץ מיינט דיינע געפילן, דיין ליבשאפט, דיין איבערגעגעבנקייט צום באשעפער. דאס איז וואס מען שענקט אים ווען מיר געבן אים סיי-וואס.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב